**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול, אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק נעמען אונטער שריט צו באשיצן קינדער אויף די אינטערנעט**

***נייע געזעצן וועלן באגרעניצן סאָושעל מידיע פיטשעווקעס וואס זענען שעדליך פאר די גייסטישע געזונטהייט פון יונגווארג, פארמיידן זאמלונג פון פערזענליכע אינפארמאציע איבער קינדער***

***געזעצן קומען אזוי ווי גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען צווישן וואקלדיגע צענערלינגען האבן זיך געטאפלט אין לעצטערע יארן***

גאווערנער קעטי האקול, ניו יארק אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס, סטעיט סענאטאר ענדרו גוּנאַרדעס, און אסעמבלי מיטגלידערין נילי ראָוזיק האבן היינט אנאנסירט נייע געזעצן צו רעגולירן נישט געזונטע סאָושעל מידיע באנוץ דורכן פארבאטן קינדער פון צוקומען צו אינהאלט וואס פירן צו אדיקשען אן צושטימונג פון די עלטערן. לעצטיגע פארשונג האט געוויזן חורבנות-אנזייענדע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען וואס זענען פארבינדן מיט די איבערגעטריבענע באנוץ פון סאָושעל מידיע דורך קינדער און יונגע ערוואקסענע, אריינרעכנענדיג העכערע ראטעס פון דעפרעסיע, ענקזייעטי, מחשבות זיך צו נעמען דאס לעבן און זיך ווייטוהן. קינדער האבן אויך אן אייגנארטיגע ריזיקע ווען זייער אינפארמאציע ווערט געזאמלט אויף די אינטערנעט. די צוויי בילס, ביידע געספּאנסארט דורך סטעיט סענאטאר גוּנאַרדעס און דורך אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק וועלן באשיצן קינדער דורכן פארבאטן אינטערנעט פלאטפארמעס פון זאמלען און מיטטיילן זייער פערזענליכע אינפארמאציע אן צושטימונג, און אזוי אויך וועלן זיי באגרעניצן פיטשעווקעס פון סאָושעל מידיע פלאטפארמעס וואס פירן צו אדיקשען און זענען באקאנט צו שעדיגן די גייסטישע געזונטהייט און אנטוויקלונג פון קינדער.

"אונזערע קינדער זענען אין קריזיס, און די ערוואקסענע אין די צימער דארפן זיך אויפשטעלן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די סטאטיסטיקס זענען זייער אנטמוטיגנד: זעלבסטמארד ראטעס צווישן צענערלינגען זענען גאר הויך, און דיאגנאזעס פון ענקזייעטי און דעפרעסיע שטייגן. עס איז קריטיש אז מיר זאלן אלע שטיין צוזאמען צו אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג, און איך בין שטאלץ צו אריינגיין אין א שותפות מיט אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק צו קעמפן פאר די צוקונפט פון אונזערע קינדער."

**אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס האט געזאגט,** "סאָושעל מידיע פלאטפארמעס זענען די ברענשטאף פון א נאציאנאלע גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג וואס שעדיגט אונזערע קינדער'ס וואוילזיין און זיכערהייט. יונגע ניו יארקער מוטשענען זיך מיט רעקארד-הויכע שטאפלען פון ענקזייעטי און דעפרעסיע, און סאָושעל מידיע פירמעס וועלכע באנוצן זיך מיט אדיקטיווע פיטשעווקעס צו האלטן קינדער אויף זייערע פלאטפארמעס טראגן די עיקר שולד. די געזעצן וועלן העלפן באקעמפן די סכנות פון סאָושעל מידיע אפעקטירנדיג אונזערע קינדער און באשיצן זייער פריוואטקייט. איך אפלאדיר סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק פארן ספּאנסארן די געזעצן, און איך באדאנק

גאווערנער האקול פאר איר קאנצענטראציע אויף די אנגעלעגנהייט, און איך בין שטאלץ צו העלפן פאראויס שטופן די שכל'דיגע מאסנאמען צו באשיצן די קומענדיגע דור פון ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר ענדרו גונאַרדעס האט געזאגט,** "אלס אן עלטערן פון צוויי יונגע קינדער, איז דאס אונטערנעמען לעגיסלאטיווע שריט צו באשיצן אונזערע קינדער אויף סאָושעל מידיע פערזענליך. פאר יארן האבן מיר איינגעפירט באהיטונג מאסנאמען צו באשיצן די יונגווארג פון גרויסע אינדוסטריעס ווי טאבאקא, אלקאהאל און פערזענליכע קארן. סאָושעל מידיע קען זיין פונקט אזוי שעדליך, און עס איז קריטיש אז גרויסע טעכנאלאגישע פירמעס זאלן זיך מער נישט קענען ארויסדרייען פון זיניגע רעגולאציעס אויסגעשטעלט צו באשיצן זייערע יונגסטע באניצער. דער היינטיגער טאג איז א קריטישע טריט צו זיכער מאכן אז גרויסע טעכנאלאגישע פירמעס קענען מער נישט שטעלן זייערע פארדינסטן אלס א העכערע פריאריטעט פון קינדער'ס וואוילזיין. איך בין שטאלץ צו ארייננגיין אין א שותפות מיט גאווערנער האקול, אטוירני דזשענעראל דזשעימס און אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק אין דעם קאמף פאר די וואוילזיין פון קינדער אויף די אינטערנעט."

**אסעמבלי מיטגלידערין נילי ראָוזיק האט געזאגט,** "היינט נעמען מיר אונטער א קריטישע טריט אין ריכטונג פונעם באהיטן די פריוואטקייט פון אונזערע קינדער און יונגע ערוואקסענע אויף די אינטערנעט. דער 'ניו יארקע קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ' וועט אוועקשטעלן פארטיידיגונג מאסנאמען אין אן עפאכע ווען דיגיטאלע פלאטפארמעס גייען אפט אריבער די גרעניצן. אין א וועלט וואו אונזערע קינדער לעבן א גרויס חלק פון זייערע לעבנס אויף די אינטערנעט, איז דאס גאר וויכטיג אז מיר זאלן אוועקשטעלן קלארע גרעניצן צו באשיצן זייער פריוואטקייט. די ביל באפולמעכטיגט סיי עלטערן און סיי יונגע באניצער, פארזיכערנדיג זיי אז זייערע ערפארונגען אויף די אינטערנעט וועלן זיין פריי פון אריינדרינגנדע נאכפאלגונג און אויסנוצונג פון זייער אינפארמאציע. מיר טוהען נישט נאר באשיצן פריוואטקייט, נאר מיר היטן אויף די רעכטן פון קינדער אין די היינטיגע דיגיטאלע תקופה. א דאנק פאר אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גונאַרדעס און גאווערנער האקול פארן זיין שותפים מיט מיר אין די קריטישע אונטערנעמונג."

מערערע שטודיעס האבן געוויזן אז סאָושעל מידיע קען פאראורזאכן אברייטע פארנעם פון נעגאטיווע גייסטישע געזונטהייט ווירקונגען אויף קינדער און יונגע ערוואקסענע. אדיקטיווע אינהאלט וואס איז דעזיינט געווארן צו איינשפאנען פערזענליכע אינפארמאציע כדי צו פיטערן אינהאלט פאר די באניצער כדי זיי צו האלטן אויף די פלאטפארמע פאר ווי לאנג מעגליך האבן פארמערט די אדיקטיווע נאטור פון סאָושעל מידיע פלאטפארמעס, און זיי האבן געהעכערט די סכנה צו די וואוילזיין פון יונגע באניצער. זיבן און ניינציג פראצענט פון צענערלינגען באריכטן אז זיי זענען אויף די אינטערנעט טעגליך, און פארשונג האט געפונען אז אפטע סאָושעל מידיע באנוץ צווישן צענערלינגען קענען זיין פארבינדן מיט לאנג-טערמיניגע אנטוויקלונג שאדנס. מערערע שטודיעס האבן געפונען א פארבינדונג צווישן איבערגעטריבענע סאָושעל מידיע באנוץ, נישט גענוג טיפע שלאף און שלעכטע גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגע מענטשן. אנדערע פארשונג האט געוויזן אז יונגע ערוואקסענע וואס פארברענגען מער פון דריי שעה א טאג אויף סאָושעל מידיע טאפלט די אויסזיכטן פון האבן שלעכטע גייסטישע געזונטהייט תוצאות, אריינרעכנענדיג סימפטאמען פון דעפרעסיע און ענקזייעטי. אין צוגאב האט פארשונג געוויזן אז פאר יונגע מיידלעך איז די קשר צווישן שלעכטע גייסטישע געזונטהייט און סאָושעל מידיע באנוץ נאך שטערקער ווי די קשר צווישן שלעכטע גייסטישע געזונטהייט און טרונקען אלקאהאל, סעקסועלע אנגרייף, איבערוואגיגקייט אדער באנוץ מיט שווערע דראגס.

קינדער שטייען אויך אויס פארשידענע סכנות צו זייער פריוואטקייט אויף די אינטערנעט. אין די צייט וואס אנדערע סטעיטס און לענדער האבן דורכגעפירט געזעצן צו באגרעניצן די פערזענליכע אינפארמאציע וואס אינטערנעט פלאטפארמעס קענען זאמלען פון קינדער, זענען אזעלכע באגרעניצונגען נאכנישט דא

אין ניו יארק. די יעצטיגע לאך לאזט איבער קינדער איינגעשטעלט פונעם האבן זייער לאקאציע און אנדערע פערזענליכע אינפארמאציע נאכגעפאלגט, מיטגעטיילט און פארקויפט אויף די אינטערנעט.

די צוויי בילס וועלכע זענען היינט אריינגעגעבן געווארן וועלן צולייגן קריטישע באשיצונגען פאר קינדער און יונגע ערוואקסענע אויף די אינטערנעט דורכן באגרעניצן דאס זאמלען פערזענליכע אינפארמאציע פון קינדער און טוישן וויאזוי יונגע באניצער ווערן געפיטערט אינהאלט אויף די אינטערנעט צו רעדוצירן די שאדנס פון אדיקטיווע פיטשעווקעס וואס האלטן קינדער אויף סאָושעל מידיע פאר לענגער.

**ביל #1: אפשטעלן אדיקטיווע אינהאלט איסנוצונג (Stop Addictive Feeds Exploitation, SAFE) פאר קינדער געזעץ**

דער SAFE פאר קינדער געזעץ וועט אויפפאדערן סאָושעל מידיע פירמעס צו באגרעניצן אדיקטיווע פיטשעווקעס אויף זייערע פלאטפארמעס וואס שעדיגן די מערסטע יונגע באניצער. די וועג וויאזוי עס ארבעט יעצט איז אז פלאטפארמעס לייגן צו אינהאלט צו דאס וואס די באניצער זעהען חוץ פון די אקאונטס וואס זיי פאַלאָווען מיט נאך אינהאלט פון אקאונטס וואס זיי פאַלאָווען נישט און צו וועלכע זיי האבן זיך נישט סאבסקרייבד. די אינהאלט ווערט אויספלאנירט נוצנדיג אלגאריטעמס וואס זאמלען און שפילן אויף אינהאלט לויט פארשידענע חשבונות. די אלגאריטמישע אויסוואהל פון אינהאלט איז אבער געוויזן געווארן צו פירן צו אדיקשען ווייל זיי שטעלן אלס פריאריטעט אזעלכע אינהאלט וואס האלטן די באניצער לענגער אויף די פלאטפארמע. אדיקטיווע אינהאלט זענען פארבינדן מיט מער צייט וואס ווערט פארברענגט דורך צענערלינגען און יונגע ערוואקסענע אויף סאָושעל מידיע און באדייטנדע נעגאטיווע גייסטישע געזונטהייט תוצאות פאר קליינע קינדער.

כדי צו אדרעסירן די פראבלעם וועט די ביל:

- פארלאנגען אז באניצער אונטער 18 זאלן געוויזן ווערן אן איינפאכע רייע פון אינהאלט אויף די סדר פון ווען די אינהאלט איז ארויפגעלייגט געווארן און וואס קומט פון אקאונטס וואס זיי פאַלאָווען שוין — די זעלבע וועג וויאזוי סאָושעל מידיע פלאטפארמעס האבן געארבעט פאר די אדיקטיווע אלגאריטעמס זענען אריינגעברענגט געווארן. באניצער קענען אויך זוכן פאר ספעציפישע טעמעס וואס אינטערעסירט זיי. קינדער האבן די אפציע יא צו געוויזן ווערן אינהאלט דורך די אדיקטיווע אלגאריטעמס מיט צושטימונג פון זייערע עלטערן.
- ערלויבן עלטערן צו בלאקירן צוטריט צו סאָושעל מידיע פלאטפארמעס פאר זייערע קינדער צווישן די שטונדן פון 12:00 ביינאכט און 6:00 אינדערפרי און אזוי אויך צו באגרעניצן די צאל שטונדן פער טאג וואס א קינד קען פארברענגען אויף די פלאטפארמעס.
- פארבאטן סאָושעל מידיע פלאטפארמעס פון שיקן 'נאָטיפיקעישען' מעלדונגען צו קינדער פון 12:00 ביינאכט ביז 6:00 אינדערפרי אן די צושטימונג פון זייערע עלטערן.
- אויטאריזירן די אפיס פון די אטוירני דזשענעראל (Office of the Attorney General, OAG) צו אונטערנעמען לעגאלע שריט צו אפשטעלן אדער ארויסבאקומען באצאלונג פאר שאדנס אדער ציווילע קנסות פאר ביז $5,000 פאר יעדע פארלעצונג. ערלויבן סיי וועלכע עלטערן/אויפציהער פון קינדער וועלכע זענען געדעקט אונטער דעם געזעץ צו אריינגעבן קלאגעס פאר שאדנס פון ביז $5,000 פער באניצער פאר יעדע איצידענט, אדער די למעשה'דיגע שאדנס זענען מער — פאר די סומע פון די שאדנס.
- גיבן פאר פלאטפארמעס א געלעגנהייט צו פאררעכטן די פראבלעם פון סיי וועלכע קלאגעס וואס ווערן געברענגט דורך עלטערן/אויפציהער פון א קינד וואס איז געדעקט אונטער דעם געזעץ.

די ביל וועט נאר אנגיין פאר סאָושעל מידיע פלאטפארמעס וואס שטעלן פאר אינהאלט וואס ווערט געמאכט דורך די באניצער צוזאמען מיט אנדערע מאטעריאלן וואס די פלאטפארמע רעקאמענדירט פאר די באניצער באזירט אויף די אינפארמאציע וואס עס זאמלט איבער זיי.

**ביל #2: דער ניו יארקע קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ (New York Child Data Protection Act)**

מיט ווייניג פריוואטקייט שוץ מאסנאמען אוועקגעשטעלט פאר קינדער אויף די אינטערנעט, זענען קינדער אויסגעשטעלט צו האבן זייער לאקאציע און אנדערע פערזענליכע אינפארמאציע נאכגעפאלגט און מיטגעטיילט מיט דריטע פארטייען. כדי צו באשיצן קינדער'ס פריוואטקייט, וועט דער ניו יארקע קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ פארבאטן אלע אינטערנעט וועבזייטלעך פון זאמלען, נוצן, מיטטיילן אדער פארקויפן פערזענליכע אינפארמאציע פון סיי וועם אונטער 18 יאר אלט, חוץ אויב זיי באקומען דערפאר אינפארמירטע צושטימונג אדער חוץ אויב דאס טוהן איז גאר נויטיג פאר די צוועק פון די וועבזייטל. פאר באניצער אונטער 13 מוז די אינפארמירטע צושטימונג קומען פון איינע פון די עלטערן. די ביל אויטאריזירט די OAG צו אינפארסירן דעם געזעץ און צו אונטערנעמען לעגאלע שריט צו אפשטעלן אדער ארויסבאקומען באצאלונג פאר שאדנס אדער ציווילע קנסות פאר ביז $5,000 פאר יעדע פארלעצונג.

די ביל בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג און צו האלטן ניו יארקער און זייערע פאמיליעס אויפמערקזאם איבער די נישט געזונטע אויפפירונג וואס ווערן פאראורזאכט דורך אינטערנעט פלאטפארמעס. אונטער איר פירערשאפט האבן די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) און די אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS) דורכגעפירט א סטעיט-ברייטע 'אויסהערן טור' איבער גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגווארג כדי צו דירעקט אויסהערן די קינדער אין מיטעלע און הייך סקול איבער וויאזוי זייערע סקולס קענען בעסער שטיצן די וואוילזיין פון די סקול קינדער; און אין יוני פון 2023 האט זי אפגעהאלטן די סאמע ערשטע ניו יארק סטעיט צוזאמקום אויף גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגווארג, צוזאמברענגענדיג גייסטישע געזונטהייט עקספערטן, יונגע שתדלנים און אנדערע כדי צו איבערקוקן די קשר צווישן סאָושעל מידיע און גייסטישע געזונטהייט ביי יונגווארג. די געפינסן פון די גרופע זענען דא.

אין אויגוסט פון 2023 האט גאווערנער האקול אנאנסירט 8.3 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו אויסברייטערן סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס אריבער ניו יארק סטעיט, טייל פון איר היסטארישע 1 ביליאן דאלארדיגע גייסטישע געזונטהייט פלאן. די סקול-באזירטע קליניק אויסברייטערונג וועט העלפן זיכער מאכן אז יוגענטליכע אריבער די סטעיט קענען צוקומען צו די גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס וואס זיי דארפן, און עס וועט ווייטער שטופן פאר די אנטוויקלונג פון סקול-באזירטע סערוויסעס.

**United Federation of Teachers פרעזידענט, מייקל מולגרו, האט געזאגט,** "קינדער נויטיגן זיך אין אונזער שוץ אזוי ווי זיי פארברענגען א גרעסערע און גרעסערע מאס פון זייער צייט אויף די אינטערנעט און פארטיפט אין סאָושעל מידיע. די בילס זענען שכל'דיגע שוץ מאסנאמען צו העלפן עלטערן זיך באגיין מיט זייערע קינדער'ס ערפארונגען אויף די אינטערנעט."

**ניו יארק סטעיט United Teachers פרעזידענט, מעלינדע פערסאן, האט געזאגט,** "כדי צו צוגרייטן אונזערע קינדער פאר הצלחה אין די וועלט און דזשאב מארקעט וואס האלטן זיך אין איין טוישן, מוזן מיר שאפן אומשטענדן וואס ערלויבן זיי זיך צו באגיין מיט ניי-ארויסקומענדע טעכנאלאגיעס און סאָושעל מידיע פלאטפארמעס זיכערערהייט און קלוגערהייט. די בילס זענען א וויכטיגע טריט ביים פארקלערנערן די כוח וואס די פלאטפארמעס קענען האבן אויף קינדער, און עס וועט העלפן האלטן אונזערע סקולס אלס פלעצער וואו סיי די קינדער און סיי מחנכים קענען בליהען."

**קאונסיל פון סקול סופּערווייזארס און אדמיניסטראטארן פרעזידענט, הענרי ד. רוּביאָו, האט געזאגט,** "סקול פירער האבן צוגעזעהן ערשטהאנטיג וויאזוי סאָושעל מידיע קען ווירקן אויף די וואוילזיין פון סקול קינדער אין יעדע עלטער. די קאונסיל פון סקול סופּערווייזארס און אדמיניסטראטארן אפּלאדירט גאווערנער האקול, אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק פאר דעם SAFE פאר קינדער געזעץ וואס וועט פארמיידן סאָושעל מידיע פון אפּפערן אדיקטיווע אינהאלט פאר קינדער אונטער 18 יאר אלט, און דער NY קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ, וואס וועט באשיצן זייער פריוואטקייט. די זיכערהייט פון אונזערע קינדער איז די וויכטיגסטע זאך, און די וויכטיגע געזעצן וועלן העלפן עלטערן און מחנכים פארמיידן אינטערנעט שאדן צו זייער געזעלשאפטליכע און עמאציאנאלע אנטוויקלונג."

**מיטעלע סקול לערערין און מוטער פון אלעקסיס ספענס, קעטלין ספענס, האט געזאגט,** "סאָושעל מידיע איז דער שטילער רוצח פון אונזער יוגנט. אונזערע קינדער זענען די טייערסטע סחורה אויפן פלאנעט, און מיר דארפן זיי באשיצן פון די שאדן און סכנה פון סאָושעל מידיע — אונזערע קינדער זענען נישט אויף פארקויף. מיין טאכטער'ס לעבן איז געטוישט געווארן אויף א וועג וואס מען קען נישט צוריקדרייען אונטער די הענט פון סאָושעל מידיע פירמעס וועלכע האבן איר אריינגעשטופּט אינהאלט פארבינדן מיט שעדליכע עסן פראבלעמען, זעלבסט-שאדן און זעלבסטמארד פון די צייט ווען זי איז געווען 11 יאר אלט. טראץ אלעקסיס איז היינט אויף א גוטע פלאץ, וועהלן מיר אויס אלס א פאמיליע צו שטיין צוזאמען, אפילו מיר לעבן דורך נאכמאל אונזער ווייטאג און פיין יעדעס מאל וואס מיר רעדן דערוועגן, מיט די האפנונג אז מיר קענען דאס פארמיידן פון געשעהן צו נאך קינדער און זייערע פאמיליעס. די וויכטיגע געזעצן זענען א קריטישע טריט פאראויס צו האלטן סאָושעל מידיע פירמעס פאראנטווארטליך פאר די שאדנס וואס זיי פאראורזאכן פאר קינדער וואס האבן פאראורזאכט א נאציאנאלע גייסטישע געזונטהייט מגיפה צווישן יונגווארג. איך אפּלאדיר אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גוּנאַרדעס, אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק און גאווערנער האקול פארן פאראויס שטופן דעם געזעץ און לייגן אונזער קינדער'ס זיכערהייט אויף די אינטערנעט אלס פריאריטעט."

**New York Civil Liberties Union הויכראנגיגע פאליסי ראטגעבערין, עלי באום, האט געזאגט,** "דער ניו יארקע קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ וועט ברענגען גאר נויטיגע אינטערנעט פריוואטקייט באשיצונגען פאר יונגע מענטשן, ערלויבנדיג קינדער צו פארברענגען צייט צו לערנען און שפילן אויף די אינטערנעט אן איינשטעלן זייער פערזענליכע אינפארמאציע אין סכנה. מיר אלע ווילן אז יונגע מענטשן זאלן זיין זיכער ווען זיי נוצן די אינטערנעט. מיר לויבן אויס אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק, סענאטאר גוּנאַרדעס און די אטוירני דזשענעראל און גאווערנער'ס אפיסעס פארן לייגן די נושא אלס פריאריטעט, און מיר קוקן ארויס צו פארזעצן אונזער ארבעט מיט זיי און אנדערע פארמישטע קערפערשאפטן צו באשיצן קינדער – און עווענטועל אלע ניו יארקער – פון דעם אז זייער פערזענליכע אינפארמאציע זאל אויסגענוצט און אביוּזט ווערן אויף די אינטערנעט."

**New York State Parent Teacher Association (NYS PTA) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קייל בעלאקאפּיטסקי האט געזאגט,** "די NYS PTA זעצט פאר צו שטיצן חינוך'דיגע סטאנדארטן און פאליסיס וואס שטיצן די גייסטישע געזונטהייט פון סקול קינדער. אין נאמען פון אונזערע 2.6 מיליאן סקול קינדער און אונזער קרוב-צו 250,000 מיטגלידער, אפּלאדירן מיר אטוירני דזשענעראל דזשעימס, גאווערנער האקול און די ספּאנסארס פון די געזעצן, ביים ארבעטן צו באגרעניצן די פילע שעדליכע געביטן פון סאָושעל מידיע. אין א לעצטיגע סורוועי פון אונזערע מיטגלידער, גלויבן 82% אז סאָושעל מידיע איז איינס פון די 5 הויפּט פראבלעמען וואס אפעקטירן די גייסטישע געזונטהייט פון אונזערע קינדער. מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן מיט די נאציאנאלע PTA אויף די נושא דורך דעם PTA Connected פראגראם, און איך קוק ארויס צו זעהן די ביל ווערנדיג א געזעץ."

**ניו יארק סטעיט סקול באורדס אסאָוסיעישען עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ראבערט ס. שניידער, האט**

**געזאגט,** "סקול באורדס טיילן מיט די זארגן פון עלטערן אז די אינפארמאציע פון זייערע קינדער אויף די אינטערנעט ווערן גענוצט און אביוּזט דורך ביזנעס קערפערשאפטן וועלכע קענען באקומען צוטריט צו די אינפארמאציע. די אינפארמאציע וואס אונזערע יונגע מענטשן קענען ארויסגעבן דורך זייער אינטערנעט אקטיוויטעט אן דאס פארשטיין מוז באשיצט ווערן פון די וועלכע וואלטן געוואלט דאס זאמלען און נוצן פאר זייערע אייגענע געלט פארדינסטן. מיר באדאנקען אטוירני דזשענעראל דזשעימס פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון די פראבלעם און פאר אירע באמיאונגען צו שטופן פאר די זיכערהייט אויף די אינטערנעט פון איינגעשטעלטע קינדער און צענערלינגען."

**Social Work Coalition פרעזידענט לוּאיזע לאָפּעז האט געזאגט,** "פאר יארן האבן סאָושעל וואָרקערס אויפגעכאפט און געווארנט איבער די סכנות'דיגע ווירקונגען פון אדיקטיווע סאָושעל מידיע אינהאלט אויף די גייסטישע געזונטהייט און וואוילזיין פון אונזערע קינדער. שטודיעס האבן געוויזן וויאזוי אדיקטיווע סאָושעל מידיע אינהאלט קען פירן צו מער אינצידענטן פון דעפרעסיע און אפילו זעלבסטמארד, באזונדערס אין יונגע מיידלעך. אין אן עפּאכע ווען זייערע לעבנס זענען טיפערהייט איינגעזינקען אין די דיגיטאלע וועלט, ווערט דאס אפילו מער קריטיש צו לייגן זייער זיכערהייט און גייסטישע וואוילזיין אלס פריאריטעט. די Latino Social Work Coalition שטייט אנטשיידן אין שטיצע פון די נייע געזעצן וואס קאנצענטרירן זיך אויף קינדער'ס זיכערהייט אויף די אינטערנעט. די געזעצן וואס זוכן צו באגרעניצן אדיקטיווע אינהאלט און צו אוועקשטעלן שטרענגע אינפארמאציע פריוואטקייט מאסנאמען פאר אונזער יונגוואָרג רעדן זיך נישט בלויז איבער שוץ נאר איבער דאס אויספלאסטערן די וועג צו א געזונטערע דיגיטאלע צוקונפט פאר זיי. יעדעס קינד האט די רעכט צו א פארזיכערטע פלאץ אויף די אינטערנעט צו לערנען, וואקסן און זיך פארבינדן. די געזעצן צייכענען אפּ א ריזיגע טריט פאראויס אין די ריכטונג."

**נאציאנאלע אליאנס אויף גייסטישע געזונטהייט פון ניו יארק סטעיט (National Alliance on Mental Illness, NAMI-NYS) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, שעראן הארטאן, האט געזאגט,** "אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט פון אונזערע קינדער איז קיינמאל נישט געווען וויכטיגער אזוי ווי זיי שטויסן זיך אן מיט מערערע מקורות פון סטרעס וואס שטעלט זייער וואוילזיין אין געפאר. אומרעגולירטע אינטערנעט און סאָושעל מידיע זענען געווארן הויפּט שולדיגע בייםביישטייערן צו קינדער'ס שלעכטע גייסטישע געזונטהייט. NAMI-NYS אפלאדירט אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק פארן ארויפברענגען בילס צו העלפן האלטן קינדער זיכער אויף די אינטערנעט און פארמיידן סכנות'דיגע געזונטהייט קאנסעקווענצן פאראורזאכט דורך סאָושעל מידיע פלאטפארמעס. די מאסנאמען וואלטן שוין פון לאנג געדארפט געטוהן ווערן, און NAMI-NYS איז שטאלץ צו שטיין צוזאמען מיט די אטוירני דזשענעראל און געזעצגעבער ביים אונטערנעמען די אמביציעזע שריט צו פארבעסערן די גייסטישע געזונטהייט פון ניו יארק'ס קינדער."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די NYU McSilver אינסטיטוט פאר ארימקייט פּאליסי און פארשונג, ראָוזמאנד פּיער-לוּאיס, האט געזאגט,** "די שעדליכע השפעה פון אומרעגולירטע און אויסנוצנדע סאָושעל מידיע אויף וואקלדיגע יונגווארג גייט שוין אן פאר צו לאנג. לעצטיגע פארשונג געפינסן האבן דעטאלירט די חורבנות-אנזייענדע רעזולטאטן וואס די בכוונה'דיגע פּאליסיס האבן אויף יונגע מענטשן, באזונדערס צווישן מיידלעך אין די צענערלינג יארן. די פארגעשלאגענע בילס וואס זענען ארויפגעברענגט געווארן היינט דורך אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס, סטעיט סענאטאר ענדרוּ גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין נילי ראָוזיק זענען א גרויסע טריט סיי צו באשיצן אונזערע קינדער און סיי צו האלטן בייזוויליגע קערפערשאפטן פאראנטווארטליך."

**פארזיצער פון די ניו יארק סטעיט אמעריקאנע אקאדעמיע פון קינדער דאקטעריי, דר. ווארען סייגעל, האט געזאגט,** "מיר שטיצן שטארקערהייט דעם SAFE פאר קינדער געזעץ. אלס קינדער דאקטוירים אריבער די סטעיט ווייזן מיר די פאטענציאלע נעגאטיווע השפעות וואס די אומבאגרעניצטע אינטערנעט און אדיקטיווע פלאטפארמעס קענען האבן אויף קינדער און צענערלינגען. מיר האבן געזעהן העכערונגען

אין דעפרעסיע, ספקות איבער זיך, אויפפירונג וואס איז שעדליך פאר זיך אליין און געזונטהייט און אויפפירונג פראבלעמען וואס זענען דירעקט פארבינדן מיט די מאנגל אין שלאף וואס זענען די רעזולטאט פון איבערגעטריבענע באנוץ מיט אדיקטיווע פלאטפארמעס. אדיקטיווע פלאטפארמעס קענען און טוהען אפטערהייט ביישטייערן צו די פראבלעמאטישע תוצאות פאר קינדער און יונגווארג. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול, אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק צו אריבערפירן געזעצן וואס קענען העלפן באשיצן קינדער פון אדיקטיווע פלאטפארמעס, פארמערן די פארנעם ווי ווייט די עלטערן זענען פארמישט און ווי ווייט זיי ווייסן איבער די שאדנס וואס אומבאגרעניצטע צוטריט צו אדיקטיווע פלאטפארמעס קענען האבן קינדער, און צו גיבן א סיבה פאר די פלאטפארמעס אליין צו דעזיינען באשיצונגען פאר קינדער דורכן עלימינירן אדיקטיווע פראגראמירונג."

**גרינדער פון די סאָושעל מידיע קורבנות געזעץ צענטער (Social Media Victims Law Center), מעטיו פּ. בערגמאַן, האט געזאגט,** "וואס עס איז געשעהן צו אלעקסיס איז נישט געווען אן עקסידענט און נישט קיין צופאל נאר די קאנסעקווענצן וואס קענען פאראויס געזעהן ווערן פון סאָושעל מידיע פלאטפארמעס וועלכע זענען בכוונה דעזיינט צו לייגן די געוויכט אויף אריינציהען באניצער העכער פובליק זיכערהייט. סאָושעל מידיע פירמעס טוהען וויסנדיגערהייט אויסנוצן קינדער'ס עמאציאנאלע שוואכקייטן און זייערע נישט פולשטענדיג אנטוויקלטע מוחות זיי צו מאכן אדיקטעד צו זייערע פלאטפארמעס דורכן זיי כסדר אויסשטעלן צו מער און מער עקסטרעמע און סכנות'דיגע מאטעריאלן. מיר אפלאדירן אטוירני דזשענעראל דזשעימס פארן זוכן צו האלטן סאָושעל מידיע פירמעס לעגאל פאראנטווארטליך פאר די חורבן וואס זיי זייען אן צווישן אונזערע קינדער."

**קאָו-עקזעקיוטיוו דירעקטארינס פאר די קאאליציע פאר אזיאנער-אמעריקאנער קינדער און פאמיליעס (Coalition for Asian American Children and Families, CACF), אניטע גוּנדאנא און ווענעסא לוינג, האבן געזאגט,** "אלס די לאנד'ס איינציגסטע ארגאניזאציע וואס שתדל'ט פאר די קינדער און פאמיליעס פון אלע אזיאנע אפשטאמען, האט די CACF געהאט א בליק פון אינעווייניג אויף די יעצטיגע גייסטישע געזונטהייט קריזיס וואס אפעקטירט אונזערע קינדער און צענערלינגען. אזיאנע-אמעריקאנע מיידלעך זענען באזונדערס אויסגעשטעלט דערצו, מיט שטודיעס ווייזנדיג אז זיי זענען סיי מער ווארשיינליך צו ליידן פון סימפטאמען פון דעפרעסיע און אויך ווייניגער ווארשיינליך זיך צו ווענדן פאר הילף פון א סקול קאונסעלאר. די CACF איז שטאלץ צו שטיצן די נייע געזעצן וואס ווערן געשטופט דורך גאווערנער האקול, אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין נילי ראָוזיק וועלכע וועלן סיי באשיצן די גייסטישע געזונטהייט פון אונזערע יונגע מענטשן און זיכער מאכן אז זייער פערזענליכע אינפארמאציע איז באהיטן. די אדיקטיווע נאטור פון סאָושעל מידיע עפּס, צוזאמען מיט די מאנגל אין אינטערנעט מאסנאמען צו היטן אויף די פאסיגקייט צו די עלטער, פירן אפט צו אן אנגרייף פון פראבלעמען ווען עס קומט צו ענקזייעטי, דעפרעסיע, די קערפערליכע בילד פון זיך אליין און גייסטישע געזונטהייט."

**דירעקטאר פון די ניו יארקע רעגירונג באציאונגען פון אגודת ישראל פון אמעריקע, ר' ירוחם זילבער, האט געזאגט,** "מיר האבן ליידער געזעהן צופיל פעלער פון פאמיליעס צוזאמפאלנדיג צוליב די קינדער'ס אויפפירונג מיט אדיקטיווע סאָושעל מידיע. עס איז קריטיש צו באשיצן קינדער פון די שעדליכע השפעות. מיר באדאנקען גאווערנער האקול, אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק פארן פארשלאגן די וויכטיגע געזעצן."

**פרעזידענט און CEO פון די כינעזיש-אמעריקאנער פלאנירונג קאונסיל (Chinese-American Planning Council, CPC), וועין האָו, האט געזאגט,** "די CPC ארבעט מיט טויזנטע יונגע מענטשן יעדעס יאר, און מיר זעהען די סכנות וואס סאָושעל מידיע שטעלט פאר זייער עמאציאנאלע און גייסטישע וואוילזיין. מיר דארפן זיכער מאכן אז עס זענען דא שוץ מאסנאמען אין פלאץ וועלכע

באשיצן די גייסטישע געזונטהייט און פריוואטקייט פון אונזער יונגוואַרג. די CPC איז דאנקבאר פאר גאווערנער האקול, אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק פאר זייער פירערשאפט ביים דורכפירן באשיצונגען און מאסנאמען צו האלטן גרויסע טעכנאלאגישע פירמעס פאראנטווארטליך. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט זיי און מיט די סטעיט לעגיסלאטור צו זיכער מאכן אז דער SAFE פאר קינדער געזעץ און דער ניו יארקע קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ ווערן דורכגעפירט דורכאויס די בעפארשטייענדע לעגיסלאטיווע סעסיע."

**קערי גאלדבערג און נעיאָומי לידס פון C.A. Goldberg, PLLC האבן געזאגט,** "אלס לויערס וואס ארבעטן אויף פעלער וואס פארמישן די קאטאסטראפישע שאדנס וואס ווערן פאראורזאכט דורך טעכנאלאגישע פראדוקטן, זענען קינדער די מאיאריטעט פון אונזערע שווערסטע פעלער — פארמישנדיג אדיקשען, עסן פראבלעמען, סעקסועלע אביוּז צווישן קינדער און זעלבסטמארד. מיר זעהען צו ערשטהאנטיג די לעגאלע שוועריגקייטן פון אנפירן פעלער קעגן גרויסע טעכנאלאגישע פירמעס, און די עמאציאנאלע שוועריגקייטן אזוי ווי די שאדן איז שוין געטוהן געווארן אין די צייט וואס מיר ווערן פארמישט. דער SAFE פאר קינדער געזעץ און קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ זענען וויכטיג ווייל זיי ציהלן צו אפשטעלן די שאדן צו קינדער דורך די סאָושעל מידיע פראדוקט בעפאר די שאדן ווערט געמאכט. מיר באדאנקען גאווערנער האקול, אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין ראָוזיק פאר זייער פירערשאפט אויף די אנגעלעגנהייט. עס איז העכסט צייט אז די פירמעס זאלן גערופן ווערן צו מאכן זיכערע פראדוקטן פאר קינדער, אנשטאט זעהן זייערע יונגסטע באניצער ווי רויע מאטעריאלן פון ווי ארויסצונעמען אינפארמאציע און מאכן אדיקטעד."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין און CEO פון Every Person Influences Children ('יעדער מענטש האט אן איינפלוס אויף קינדער', EPIC), טערע נ. בורגעס, האט געזאגט,** "זעהענדיג די העכערע ראטעס פון שלעכטע גייסטישע געזונטהייט תוצאות ווי דעפרעסיע, ענקזייעטי און זיך ווי טוהן וואס זענען פארבינדן מיט סאָושעל מידיע, שטיצט EPIC באמיאונגען צו פארשטערקערן שוץ מאסנאמען פאר קינדער און יונגוואַרג. האלטן סאָושעל מידיע פלאטפארמעס פאראנטווארטליך צו באגרעניצן די אינפארמאציע זאמלונג פון קינדער און צו רעדוצירן אדיקטיווע אינהאלט פארשפרייטונג איז א וויכטיגע טריט צו באשיצן קינדער. די געזעצן וועלן גיבן פאר פאמיליעס די כלים צו באשיצן זייערע קינדער אין א וועלט פון טעכנאלאגיע און סאָושעל מידיע וואס האלטן זיך איין טויש."

**פרעזידענט פון די קאונסיל פון אידישע ארגאניזאציעס פון סטעטן איילענד, מענדי מיראטשניק, האט געזאגט,** "די וויכטיגע געזעצן וואס ווערן געשטיצט דורך גאווערנער האקול און אטוירני דזשענעראל דזשעימס וועלן זיין א גרויסע געווינס פאר איינס פון אונזערע שוואכסטע באפעלקערונג גרופעס — אונזערע קינדער. די געזעצן וועלן ערלויבן די עלטערן און לעגאלע אויפזיהער פון אונזערע קינדער צו האבן די העכסטע שטאפל פון קאנטראל צו באשיצן אונזערע קינדער פון די סכנות פון אינטערנעט פלאטפארמעס. מיר אפלאדירן די גאווערנער, די אטוירני דזשענעראל און די קאאליציע פון לעגיסלאטורן וועלכע – קומענדיג פון א ברייטע ספעקטרום פון פלעצער – וועלן האפנטליך אהערברענגען א גאר-נויטיגע זיכערהייט און שוץ פאר די יונגוואַרג פון אונזער סטעיט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן